בס"ד

# פרד"ס יהודה


עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת אמור תשע"ח | פרקי אבות פרק ד | גליון 454 [שנה י']


**עצה אז די כהנים זאלן נישט ווערן אין כעס**

אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא־יִטַּמָּא בְּעַמָּיו: (כא א) פרעגן אלע פארוואס שטייט נישט דַבֵר וואס איז א שטרענגע לשון, ווייל מען רעדט דא שטרענג צו די כהנים, אז זיי זאלן נישט ווערן טמא וועגן א מת? און אויב מען פארשטייט פארוואס דארף שטיין א ווייכע לשון פון אמירה, איז שווער, פארוואס דארף שטיין א דאפעלטע לשון אֱמֹר און וְאָמַרְתָּ? אויך איז שווער, פארוואס דארף שטיין **בְּנֵי אַהֲרֹן**? נאר מען קען דאס פארענטפערן ווייל מיר ווייסן פון חז"ל (אבות דר' נתן פכ"ז) אז כהנים ווערן שנעל אין כעס, ממילא ווייל דער אויבערשטער אז זיי זאלן ארבעטן זייער שטארק אויף זייער מדת הכעס, ממילא זאגט דער אויבערשטער צו זאגן די כהנים אז זיי זענען "**בְּנֵי אַהֲרֹן**" וואס ער איז געווען א אוהב שלום און א רודף שלום וואס ער האט געמוזט זיין א גרויסער סבלן און האט זיך איינגעהאלטן פון ווערן אין כעס, דעריבער דארפן די קינדער אויך גיין אין דעם וועג.

דאס איז דער ענין פון אמירה ווייך צו מאכן די כעס, און די אֱמֹר וְאָמַרְתָּ א דאפעלטע לשון איז כדי זיי זאלן שטארק ווייך מאכן די מדה. און מיט דעם איז גוט לְנֶפֶשׁ לֹא־יִטַּמָּא בְּעַמָּיו, דער אויבערשטער וויל אז די כהנים זאלן זיך דערווייטערן פון מתים וואס מיתה ברענגט צו עצבות און עצבות ברענגט צו כעס, דעריבער הייסט דער אויבערשטער די כהנים די אלע עצות כדי די כהנים זאלן נישט ווערן אין כעס און אז די כהנים וועלן זיין בנחת און רוהיג וועלן זיי קענען משפיע זיין א ברכה פאר כלל ישראל. (שמח זבולון תשע"ח עפ"י יסודות ספר תפוחי חיים פאנעט–דעעש קארלסבורג)

**די עבודה פון חסד ביי די כהנים**

אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא־יִטַּמָּא בְּעַמָּיו: (כא א) פארוואס דארף שטיין בְּנֵי אַהֲרֹן? אויך דארף מען פארשטיין אז זיך באשעפטיגן מיט א מת איז דאך א גרויסער מצוה פון גמילת חסדים איז פארוואס נעמט מען צו פון די כהנים אזא מצוה? נאר מיר ווייסן אז אהרן הכהן איז געווען א אוהב שלום און א רודף שלום און דאס איז א גאר גרויסע גמילת חסד פון צו מאכן שלום צווישן צוויי מענטשן, ממילא זאגט דער אויבערשטער צו די כהנים אז הגם לְנֶפֶשׁ לֹא־יִטַּמָּא בְּעַמָּיו, וועט איר מיינען אז מען נעמט אוועק פון אייך די מצוה פון גמילת חסדים? דעריבער שטייט בְּנֵי אַהֲרֹן, אז איר דארפט האבן די מדה פון אהרן פון רודף שלום וואס דאס איז א גאר גרויסע גמילת חסד ווי א אנדערע חסד. און אז איר וועט שטענדיג זוכן צו מאכן שלום וועט איר נישט האבן צייט זיך מטמא זיין צו מתים.

לויט דעם קען מען מסביר זיין וואס עס שטייט (קהלת ז ב) טוֹב לָלֶכֶת אֶל בֵּית אֵבֶל מִלֶּכֶת אֶל־בֵּית מִשְׁתֶּה בַּאֲשֶׁר הוּא סוֹף כָּל־הָאָדָם וְהַחַי יִתֵּן אֶל־לִבּוֹ: שלמה המלך הייסט גיין צו א בֵּית אֵבֶל ווייל וְהַחַי יִתֵּן אֶל־לִבּוֹ. ביי א בֵּית אֵבֶל וועט דער מענטש איינזען אז מען לעבט נישט אייביג און אזוי וְהַחַי, דערמאנט זיך דער מענטש זיך אויפצופירן בדרך הישר, אויב אזוי פארוואס נעמט מען צו פון די כהנים דעם ענין פון לְנֶפֶשׁ לֹא־יִטַּמָּא בְּעַמָּיו, וואס מיט דעם וועלן זיי קענען גיין בדרך הישר? דעריבער שטייט אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים אז זיי זענען בְּנֵי אַהֲרֹן, לויט וואס דער רמב"ן שרייבט אויפן פסוק (ויקרא א ב) אָדָם כִּי־יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן: ווען דער מענטש איז מקריב א קרבן דארף ער טראכטן דער פסוק טוֹב וְיָשָׁר ה' עַל־כֵּן יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ: (תהלים כה ח) אז דער אויבערשטער נעמט צו זיך דעם קרבן אנשטאט דער מענטש. ממילא די כהנים "בְּנֵי אַהֲרֹן" וואס האבן מקריב געווען די קרבנות האבן שטענדיג געטראכט פון דער פסוק טוֹב וְיָשָׁר ה', ווייל זיי האבן אויס געלערנט די מקריבי קרבן דאס צו טראכטן, ממילא דאס אליין האט זיי געברענגט זיך צופירן בדרך הישר. ממילא איז דער פשט וְהַחַי יִתֵּן אֶל־לִבּוֹ, די כהנים דארפן נישט אנקומען צו מיתה זיי צו דערמאנען נאר וְהַחַי, פון זייער לעבן, יִתֵּן אֶל־לִבּוֹ, צו גיין בדרך הישר והטוב. (פרדס יוסף)

**דרוש פון בסוכות הושבתי איז נאר פאר כלל ישראל**

בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל־הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת. לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: (כ"ג מ"ב–מ"ג) לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין אין פסוק נאך בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ די ווערטער כָּל־הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, בפרט אז עס שטייט ווייטער לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויט וואס דער הייליגער קרן לדוד -הגאון ר' אליעזר דוד גרינוואלד מסאטמאר זצוק"ל- ברענגט די קשיא פארוואס האט דער אויבערשטער געהייסן מאכן א זכר וועגן די נס פון די ענני הכבוד אז מעל זאל מאכן א סוכה און נישט געהייסן מאכן א זכר לנס וועגן די מָן און די בְּאֵרוֹ שֶׁל מִרְיָם? און דער בני יששכר ענטפערט בשם דער הייליגער חיד"א אז די נסים פון מַן און בְּאֵר זענען נישט געווען נאר פאר כלל ישראל, ווייל די עֵרֶב רַב האבן אויך הנאה געהאט פון זיי כדי זיי זאלן האבן פון וואס צו עסן און טרינקען, אבער די ענני הכבוד איז נאר געווען פאר די אידן און די ענני הכבוד האבן ארויס געשפיגן די עֵרֶב רַב ווייל זיי האבן געדינט עו"ז, וז"ל (זוהר הק' ח"ב דף קצ"א.) "**ענני הכבוד פלטו את הָעֵרֶב רַב**", דעריבער האט דער אויבערשטער געהייסן מאכן א נס פון ענני הכבוד צו ווייזן זיין ליבשאפט צו כלל ישראל.

מיט דעם זאגט דער קרן לדוד א שיינע ווארט צו מפרש זיין א מדרש פליאה (בראשית רבה, פרשה מח) יֻקַּח־נָא מְעַט־מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ: אמר הקב"ה לאברהם אתה אמרת וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ, חייך שאני פוֹרֵעַ לבניך בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים. וואס איז די קשר פון הכנסת אורחים פון אברהם וואס האט געזאגט יֻקַּח־נָא מְעַט־מַיִם וגו' וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ און די מצוה פון סוכה? נאר אברהם אבינו האט געזאגט וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ צו בודק זיין אויב די אורחים זענען מאמינים בה' אדער נישט ווייל ער האט זיך געוואלט דערווייטערן פון עובדי עו"ז, דעריבער האט דער אויבערשטער אים געזאגט: דערפאר וועל איך געבן פאר דיינע קינדער די מצוה פון סוכה וואס איז נאר פאר די אידן וואס גלויבן אין ה' און נישט פאר די עֵרֶב רַב עובדי עו"ז עכ"ד.

מיט דעם קען מען זאגן דאס איז פשט אין אונזער פסוק: בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים, ווייל כָּל־הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, נאר אידן זיצן אין סוכה, פארוואס לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, וואס דאס איז געווען די ענני הכבוד און דאס איז נאר געווען פאר די אידן און נישט די עֵרֶב רַב, דעריבער האט דער אויבערשטער געהייסן מאכן א זכר לנס פון ענני הכבוד אז די אידן זאלן זיצן אין סוכה. (שמח זבולון תשע"ח)

מדור העובדות

## דער הייליגער רבי פון ראדזין מיט ריינע אמונה געפראוועט א ישועה אנקעגען די טבע צו קענען גייען מיט די פיס

הרה"ק רבי גרשון העניך פון ראדזין זצוק"ל דער בעל התכלת, איז געווען א גרויסער פועל ישועות. איינמאל איז געקומען צו פארן א איד מיט א הדרת פנים קיין ראדזין, ער איז אריין אין שול און גגעבן שלום צו א יושב און דער יושב זאגט אים צוריק עליכם שלום, דער יושב נעמט זיך רעדן אין לערנען און ער זעט אז דער איד איז נישט קיין תלמיד חכם אבער עס האט אים זייער געפעלן זיין תמימות און ערליכקייט און האט געבעטן די יונגע חסידים דארטן צו מקרב זיין דעם גאסט און העלפן מיט וואס ער וועט דארפן.

די חסידים האבן זיך געזעצט ארום אים און געפרעגט מיט וואס קען מען אים העלפן? האט ער געזאגט אז ער וואוינט אין רומעני' און ער האט געמאכט די ווייטע נסיעה ווייל ער האט געהערט אז דער רבי פון ראדזין פראוועט וואונדער'ס און העלפט אסאך אידן. און היות ער האט א זון וואס איז שוין צען יאר אלט און ער קען נאך נישט גיין מיט זיינע פיס, און ער האט אים שוין גענומען צו די גרעסטע דאקטורים און פראפעסארן אין שטאט בוקארעסט און זיי האבן אלעם פראבירט און איך האב זיך געלאזט קאסטן אבער אלע האבן געהויבט הענט און געזאגט זיי זעהען נישט קיין האפענונג און אזוי מוז איך אים פירן אין א וועגאלע, דאס איז זייער שווער פאר מיר און א גרויסע בושה פאר מיין קינד! האט מען מיר דערציילט אז דא אין ראדזין קען דער רבי מיר העלפן, און איך האב מיט געברענגט מיין קינד.

די חסידים האבן אים געזאגט אז זיי וועלן גיין מיט אים צום רבין און דערציילן וועגן וואס ער איז געקומען, דערוויל וועלן זיי קענען אריינגיין צום רבין און זוכה זיין אליין זען די וואונדער פון זייער רבין. זיי האבן געשריבן פאר אים א קוויטל און געזאגט ער זאל דאס איבערגעבן פארן רבין מיט א פדיון נפש און זיי זענען געגאנגען מיט אים און געווארט ביים צימער פון רבין און ווען מען האט געזאגט אז מען קען אריינקומען האבן די יונגע חסידים געהאלפן פירן דעם וועגאלע און אריין אין צימער פון רבין ווארטענדיג צו זען וואס וועט זיך דא אפשפילן! דער איד ווען ער האט געזען די צורה פון היילגן צדיק איז ער געפאלן צו זיינע פיס פון רוב כבוד און זיך דערנענטערט צום רבין און געקושט זיין האנט און נעמט זיך יאמערליך וויינען, דער רבי נעמט זיין קוויטל מיטן פדיון. דער איד הויבט אן מיט א ציטערניש צו דערציילן זיין צער און די צער פון זיין קינד וואס קען נישט גיין אויף זיינע פיס, זייענדיג שוין אלט צען יאר.

דער רבי האט נאך נישט אריינגעקוקט אין קוויטל ווען צום ערשטוינונג פון זיי אלע רופט זיך אן דער צדיק: אלע זאלן ארויסגיין פון צימער אפילו די גבאים און שמשים און נאר די טאטע מיטן קינד זאלן בלייבן מיט אים! דאס איז געווען א גרויסער פלא ווייל דאס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט! אבער אז דער רבי הייסט זענען זיי אלע ארויס פון צימער. די יונגע חסידים וואס האבן געברענגט דעם איד האבן געזאגט אז ווילן ווארטן ביז ווען זיי וועלן ארויסקומען און זיי וועלן אים ווייטער העלפן. דער טיר ווערט פארשלאסן און קיינער ווייסט נישט וואס טוט זיך אפ אין צימער. מען ווארט ביז די טיר זאל זיך עפענען, זייענדיג זיכער אז דער אינגל וועט ארויסקומען א געזונטער! אבער ווען די טיר עפענט זיך ווערן די גבאים און חסידים ביי זיך געפאלן אז דער אינגל זיצט נאך אין וועגאלע! אבער זיי האבן אבער באמערקט א אנדערע גייסטיגקייט און רוהיגקייט איבער זיי, אבער זיי האבן גארנישט געזאגט נאר זיי געוואונטשן מיט א רפואה און דער טאטע דאנקט זיי. די חסידים פרעגן גארנישט נאר דער טאטע בעט זיי זאלן קומען צו זיין אכסניא. זיי האבן פארשטאנען אז עס איז דא גוטע נייעס!

ביים אכסניא האט דער טאטע זיי דערציילט וואס איז פארגעקומען ביים רבין אין צימער: ווען אלע זענען ארויס פון צימער, האט דער רבי געקוקט אין קוויטל און פארמאכט זיינע אויגן און געמאכט מאדענע תנועות און נאכדעם גענומען אויסגיסן זיין האַרץ צום אויבערשטן א לענגערע צייט מיט פארמאכטע אויגן, מיר האבן צו געקוקט די הייליגע עבודה פון צדיק, איך און מיין זון האבן זיך זייער דערשראקן און אויך געבעטן דעם אויבערשטן, ווען פלוצלונג, דער רבין עפענט זיינע אויגן און נעמט ארויס פון ליידל א פאר צוקערלאך און מיט א שמייכל האט ער גערופען צו מיין זון בזה הלשון: "קום אהער טייערע אינגל'ע, נעם א צוקערעל!" און מיין זון נישט טראכנדיג הויבט זיך אויף פון וועגאלע און גייט צום רבין און נעמט א צוקערל!

אונז האבן געוויינט פון רוב התרגשות און מירביידע דאנקען דעם רבין פארן שיינע מתנה אז יעצט וועלן מיר שוין קענען אהיימגיין מיט די אייגענע פיס! האט דער רבי זיי געזאגט "אמת, אבער כדי עס זאל נישט שאטן חלילה קיין עין הרע, זאל מען נאך ארומגיין אין גאס מיט די וועגאלע. און אין אפאר וואכן קען ער אנפאנגען אליין צו גיין, און מיין אינגל האט פארשטאנען. די חסידים האבן געהערט דער ישועת ה' און האבן ארויס גענומען א פלאש בראנפן מיט מזונות און גענומען טרינקען לחיים. די חסידים מיטן טאטן האבן געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן און געטאנצט און די שמחה האט זיך דערהויבן צו אזא שמחה עילאה אז דער אינגל האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און איז אריין טאנצן מיט זיי!

נאך אלעם האבן זיי זיך געזעגנט און געוואונטשן און דער טאטע האט זיי געבעטן נישט דערציילן דער מעשה ביז נאך א חודש, ווען דער אינגל וועט שוין קענען ארויסגיין אין גאס. ווען די אנדערע חסידים האבן זיך דערוואוסט פון דער מופת האט דער רבי זיי געזאגט אז דא איז בכלל נישט געווען קיין מופת! דא איז געווען א איד און זיין קינד וואס זענען געקומען פון דערווייטנ'ס מיט אזא תמימות און אמונה פשוטה אז זיי גייען דא געהאלפן ווערן, ווען איך האב דאס געזען, און איך האב בקבלה "אוואו עס איז דא ריינע און קלארע אמונה, האט די טבע נישט קיין שליטה". ממילא ווען איך וואלט געלאזט איינעם אין צימער וואס האט נישט אזא ריינע אמונה אז דא וועט זיין א ישועה וואלט איך גארנישט געקענט טאן, אבער אז זיי זענען אליין געבליבן אין צימער מיטן ריינע אמונה איז שוין נישטא קיין טבע, האב איך דעמאלטס געקענט מתפלל זיין און דער קינד האט שוין געקענט גיין, נאר מיט אמונה!!!

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן**

תהלים דפוס זיטאמיר אמרות טהורות פעלט די מעמדות $5000 א ספר עץ חיים האנט געשריבן און געמאלט שיין שנת תצ"ד האט באלאנגט צו הגה"ק ר' יהונתן אייבשיץ מיט 150 הגהות ותיקונים פון אים כת"י און א קמיע $400,000, מכתב הדברי חיים 15 שורות $120000 א קונטרס חידושים אויף מס' שבת מיטן נאמען מוסיף השבת געשריבן פון היילגן חת"ם סופר יונגערהייט 8 דפים $200,000 מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $9000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגוואר רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , דרך אמונה סיגאט דפו"ר $700, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500 *,ספר בנימין זאב באלאנגט צו תפארת שלמה ראדאמסק, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, פרי עץ חיים קארעץ שייך לר' ליבר בהרב עם הרבה הגהות*

דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-м pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***